# דער פּרוש מיטן בער

י. ל. פּרץ

(איבערגעזעצט אויף כּלל-ייִדיש פֿון ד. גורעוויטש)

אַ מאָל איז געווען אַ ייִד וואָס האָט ניט געקענט פֿאַרטראָגן קיין עוולות. איז ער געגאַנגען און האָט איבערגעגעבן דעם ווײַב דאָס קלייטל, וואָס ער האָט געהאַט, און איז געוואָרן אַ היים-זיצער, און איז געזעסן פֿאַרמאַכט אין שטוב על התּורה ועל העבֿודה, חן אין נגלה, חן אין נסתּר....

האָט ער, אַפּנים, אינדערהיים, צווישן אייגענעס הויז-געזינד, אויך עוולות געזען, האָט ער זיך מישבֿ געווען, און איז געווען אַ פּרוש - פֿאַרלאָזט די היים, און געזעצט זיך לערנען אין קלויז. זיצט ער אין קלויז.

יאָגן אים אָבער די עוולות נאָך און קומען צו אים אין קלויז אַרײַן. אַפֿילו בײַנאַכט קומט זיך אָנוואַרעמען אַ נאַכט-וועכטער, אַן אורח קומט שלאָפֿן, צי אַזוי - אַ ייִד קען נישט שלאָפֿן און פֿאַרבלאָנדזשעט אין קלויז אַרײַן, זעצט מען זיך בײַם אויוון און מען רעדט.....און פֿון וואָס מען זאָל נישט רעדן, הערט אַלץ דער פּרוש עוולות און עוולות.

איז ער זיך ווײַטער מישבֿ און פֿאַרלאָזט די שטאָט און לאָזט זיך אין דער וועלט אַרײַן, אויסזוכן אַ שטאָט אָן עוולות; געפֿינט ער נישט: איין וועלט אומעטום.

פֿאַרלאָזט ער דעם גאַנצן ייִשובֿ. גייט ער וואַלד-אויס וואַלד-אײַן, איבער בערג און טאָלן, ביז ער קומט צו אַ וואַסער. ווי דער טײַך הייסט האָט ער אַפֿילו נשיט געוווּסט, נאָר בײַם טײַך איז געשטאַנען אַ חורבֿה פֿון אַן אַלטן פּאַלאַץ, ווײַט פֿון שטעט און דערפֿער, האָט ער זיך דאָרטן באַזעצט און אָנגעהויבן עוסק צו זײַן אין קבלה.

פֿון עוולות קען מען אָבער נישט אַנטלויפֿן....פֿון צײַט צו צײַט צעלאָזט זיך דער טײַך, קערט איבער שיפֿלעך, רײַסט אויף דער יבשה שטיקער לאָנקעס מיט גראָז, שטיקער פֿאַרזויערטע פֿעלדער.... און צווישן די פֿיש - אַן אייביק צעשלאָגערײַ! לאָזט עס אים ניט רוען, נישט שלאָפֿן און אַנטלויפֿן האָט ער שוין נישט ווּ אַהין.....

ליגט ער אַזוי אין טראַכט, און טראַכט: ער וויל דערגיין, פֿונוואַנען עס נעמען זיך נאָר די עוולות!

פֿאַלט אים אײַן, אַז די עוולות קומען דערפֿון, וואָס די נשמה פֿון דער וועלט איז אײַנגעשלאָפֿן....און עס איז ניט אַזוי ווילד, ווי עס דאַכט זיך.

למשל: דער עולם קטן - אַ מענטש. כּל-זמן די נשמה איז וואַך, טוט ער וואָס עס טויג אים, פלאַנמעסיק, על-פּי שׂכל, אַלע אבֿרים פֿאָלגן די נשמה. שלאָפֿט אָבער אַ מענטש איַין, די נשמה - דער מושל איבערן גוף, דרימלט איַין, הייבט אָן דער גוף וואַרפֿן זיך אָן סדר, אָן אַ ציל און יעדעס איבֿר פֿאַר זיך, איין האַנד אַהין, די אַנדערע אַהער, דער קאָפּ באַזונדער, דאָס לייב באַזונדער - אָן שׂכל....און מען קען געשעדיקט ווערן...עוולות זיַינען אָן שׂכל....די וועלט וואַרפֿט זיך, צאַפּלט אָן אַ סדר; און די נשמה פֿון דער וועלט טוט זיך זיַינס, נישט לטובֿת הכּלל.....

איר פֿאַרשטייט? יאָ צי ניין, אַזאַ געדאַנק האָט ער געהאַט.

קומט ער צו דער דעך אַז איין פלאַן איז פֿאַראַן: די נשמה פֿון וועלט צו וועקן. כאַפּט זי זיך אויף - וועט ווערן אַ סדר, וועט אויפֿהערן דאָס צאַפּלען, דאָס רײַסן זיך, דאָס שלאָגן זיך צווישן די אבֿרים פֿון דער וועלט.....

ווי אַזוי אָבער וועקט מען די נשמה פֿון דער וועלט? אויף דעם זיַינען פֿאַראַן עצות אין די הייליקע ספֿרים.... מען דאַרף טאָן וואָס מען דאַרף, זאָגן וואָס מען דאַרף.

דערצו דאַרף מען אָבער כּוונה, מען מוז זיך אָפּגעבן דערצו מיטן גאַנצן האַרץ, מיט מסירת-נפֿש, אַז נישט צעפֿליען זיך די ווערטער אין אַוויר און גאָרנישט..... עס מוז באַשאַפֿן ווערן אַזוינס, וואָס האָט פֿליגל צו פֿליען און אַ נשמה, וואַס ווייסט ווו אַהין צו פֿליען און וואָס דאָרט צו פֿראַלאַנגען, כּידוע .....

מילא, ביַי טאָג איז נישט מעגלעך. עס לאָזט זיך טיף אַריַין אין די מחשבֿה - ניט ערגעץ אַ קרוי אַ געשריַי - אַ פֿויגל אַ זינג, ערגעץ פֿון וויַיט הערט זיך אַ קללה פֿון אַ פויער בײַם אַקער אויף דער האַרטער ערד, וואָס איז אים פוגם דאָס איַיזן - נאָר ביַינאַכט, אַמבעסטן צו חצות.....

טוט ער אַזוי.....

און ער פֿילט עס גייט! נאָך אַ נאַכט, נאָך אַ נאַכט, נאָך אַ נאַכט...

ווערט אָבער געוואָר דערפֿון דער בייזער שׂר פֿון טיַיך. זאָגט ער: לאָ! עס וועט נישט שטיל זיַין! און קוים לאָזט זיך דער פרוש טיפֿער אין די כּוונות אַריַין, גיט זיך דער שׂר פֿון טיַיך אַ וואַרף, הייבט דער טיַיך אָן צו זידן און צו רוישן און צו שלאָגן פֿאַליעס און צו ריַיסן די ברעגעס, עס ווערט אַ מהומה און דער פרוש פֿאַלט אַרויס פֿון דער מחשבֿה, ווי אונטן דער שיפֿער פֿון שיפֿל....

זעט דער פּרוש, אַז ער האָט ניט קיין אַנדער עצה נישט, נאָר אָפּצורוקן דעם טײַך מיטן בײזן שׂר...דען אַליין אַוועקגיין און זוכן אַ חורבה נישט בײַ קיין וואַסער, ווילט זיך אים נישט, ווער ווייסט, ווי לאַנג ער וועט זוכן, און צי ער וועט געפֿינען, און דערווײַל וואַקסן די עוולות און מאַכן חרובֿ די וועלט.

מילא, אַוועקצורוקן דעם טײַך איז בײַ אים אַ קלייניקייט, ער האָט אַ שם דעראויף... האַלט ער עקסטראַ תּענית און נאָכן תּענית איז ער זיך פּלוצלינג מתכוון צום שם און דער טײַך רוקט זיך.

דער שׂר ווערט אש-להבֿה - נאָר פֿאַרפֿאַלן, דער שם איז אָפּגעזאָגט, נוקם זײַן וויל ער זיך אָבער,צערודערט ער שטאַרקער דעם טײַך, עס ווערט גרויסע פֿאַליעס, כאַפּט ער איין פֿאַליע און וואַרפֿט אַרויס אויף דער יבשה צו דער חורבה צו, ווערט אויף דער יבשה פֿון דער פֿאַליע אַ בער, אַ שוואַרצער צויטיקער בער, לויפֿט ער מיט פֿײַערדיקע אויגן אַרום חורבה און ווען דער פּרוש וויל האָבן כּוונה, הייבט ער אָן ברומען און ברילן און וואַרפֿן זיך, אַז דער פּרוש פֿאַלט ווײַטער פֿון דער מחשבֿה...

וואָס בלײַבט אים, דעם פּרוש, צו טאָן?

ער וועט דאָך נישט הרגענען דעם בער! אָנהייבן מיט אַן עוולה? דען באמת, וואָס איז דער בער שולדיק? ער לעבט, זאָל ער לעבן!

פֿאַלט אים, דעם פּרוש, אײַן דעם בער רויִק צו מאַכן. מאַכן אַ לײַט פֿון בער! זאָל ער, כאָטש אַ בער, וויסן וועגן וואָס עס גייט. ער וועט דערהייבן דער בער, מתקן זײַן און הויבן זײַן נשמה -

נעמט דער פּרוש און גייט איינמאָל אינדערפֿרי אַרויף אויף אַ שפּיץ-חורבה, שטעלט זיך און קוקט אַראָפּ אויפֿן בער. דערזעט דער בער פֿון אונטן, ווערט ער מלא- חימה, הייבט ער אָן רײַסן מיט די פֿעדערשטע פֿיס די ערד, און ברומען, און ברילן, און שפּרינגען אונטער מיט אַ שוימענדיקן מויל און בלוטיק-פֿלאַמענדיקע אויגן. מיט גרימצאָל קוקט דער בער אַרויף צום פּרוש, מיט רחמנות אָבער און ליבשאַפֿט קוקט דער פּרוש אַראָפּ צום בער און עס ווערט אַ מלחמה צווישן בײדע פּאָר אויגן, צווישן די אויגן מיט ליבשאַפֿט און רחמנות און די אויגן מיט האַס און גרימצאָל.

זײַנען אָבער דעם פּרושס אויגן שטאַרקער און הייבן אָן גובֿר זײַן די אויגן פֿון בער.

לאַנג, לאַנג האָט געדויערט די מלחמה , צווישן צוויי פּאָר אויגן, צווישן צוויי

הערצער און צוויי נשמות...

אָבער אַז די זון האָט זיך געהייכט אין מזרח-זײַט איז שוין שטיל געוואָרן. דער בער, אַז די זון איז געקומען אין מיטן הימל אַרײַן, איז ער שוין פֿאַר דער חורבה אויף אַלע פֿיר געלעגן, ווי אַן אונטערטעגיקער הונט, און אַז די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט זיך דער בער שטיל אויפֿגעהויבן, אַרויפֿגעשיקט צום פּרוש אַ בליק מיט בקשה ותּחנונים און איז צוגעגאַנגען צום טויער און האָט שטיל אָנגעקלאַפּט, און "געסקאָמליעט" ווי אַ הונט, מע זאָל אים עפֿענען...

דער פּרוש האָט גובֿר געווען, אונטערגעגעבן האָט זיך דער ווילדער צוויטיקער בער, זײַן הינטעש "סקאָמליען" באַטײַט: לאָז מיר צו דיר, ווי אַ הונט וויל איך דיר דינען, צו דײַנע פֿיס ליגן, דײַנע הענט לעקן, דיר געטרײַ אין די אויגן קוקן און טרעפֿן דײַן פֿאַרלאַנג, און אַז דו וועסט זיך פֿאַרטראַכטן, וועל איך ליגן ציכטיק און שטיל, אַפֿילו קיין פֿליג נישט כאַפּן.

און דער פּרוש האָט אים געעפֿנט, און דער בער איז אַרויפֿגעגאַנגען צום פּרוש און האָט זיך געלייגט שטיל צו זײַנע פֿיס, און זײַנע אויגן האָבן געזאָגט: דו ביסט מײַן גאָט...איך האָף צו דיר, איך גלויב אָן דיר, דײַנע געדאַנקען זײַנען הייליק, מיט דײַנע כּוונות וועסטו וועלטן איבערבויען...

און דער פּרוש גלעט מיט ליבשאַפֿט דעם בער, זײַן היימיש געמאַכטן בער, דער בער וואָס גלייבט אין אים - און פֿאַרטראַכט זיך און וויל זיך אַרײַנלאָזן אין זײַנע מחשבֿות, זיך מתכוון צו דעם, וואָס מע דאַרף , אויפֿצוּוועקן די נשמה פֿון דער וועלט....

ער האָט אָבער שוין נישט געהאַט מיט וואָב צו טראַכטן...ער אַליין האָט שוין די גאַנצע פֿריערדיקע נשמה נישט געהאַט....

מיט וויפֿל דער בער איז אַרויף צו אים, מיט אַזוי פֿיל איז ער אַראָפּ צום בער... און ער דערפֿילט אַ מידיקייט אין אַלע גלידער, די ברעמען פֿאַלן אים איבער די אויגן און ער הייבט זיך אויף, גייט וואַקלענדיק צום געלעגער - דער בער גייט אים נאָך, לייגט זיך נאָענט בײַם געלעגער.

עס וועלן קיין עוולות נישט אויפֿהערן. דער בער איז געווען אַ שטיק מענטש, און דער מענטש אַ שטיק בער. -
און דער פּרוש, וואָס שלאָפֿט שוין צוזאַמען מיטן בער, וועט די נשמה פֿון דער וועלט נישט וועקן.